פרשת
בשלח
תשע"ו

גליון

# עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

שנה א' - גליון י"ט

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער וויינגאָרטען

### וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם אַל תִּירָאוּ

### די דריי סארטן אידן

**דער אלטער רבי מרן רבי יחיאל זי"ע** (יארצייט י"ד שבט) האט נאכגעזאגט פונעם **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** אז צווישן די אידן בשעת קריעת ים סוף זענען דעמאלטס געווען דריי גרופעס, איין גרופע האט זייער שטארק מורא געהאט און זיי האבן געציטערט ווען זיי האבן געזען ווי די מצריים לויפן זיי נאך, די צווייטע גרופע האבן געשריגן צום אייבישטער מיט א צובראכן הארץ, און די דריטע גרופע זיי זענען געווען די ערב רב וואס האבן געשריגן אז זיי ווילן צוריקגיין קיין מצרים.

און קעגן די דריי כיתות איז געווען די ענטפער פון משה רבינו, פאר יעדעם איינעם לויט זיין מדריגה. פאר די ערשטע גרופע שטייט **וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם "אַל תִּירָאוּ"** האט'ס נישט קיין מורא פון די מצריים. פאר די צווייטע גרופע וואס האבן גערעדט צום אייבישטער האט משה רבינו געזאגט **"הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'"** שטעלט זיך אוועק און זעהט'ס די ישועה פונעם אייבישטער, און דאס איז מרמז אויף זייער כח פון תפלה, ווי חז"ל דרש'ענען אז 'נִצָּב' איז א לשון פון תפלה, און דעריבער שטייט דא 'הִתְיַצְּבוּ', אז דורך אייער תפלה וועט קומען די ישועת ה'. און פאר די ערב רב פאר זיי האט משה רבינו געהייסן **"וְאַתֶּם תַּחֲרִישׁוּן"** עטס זאלטס שווייגן און זיין שטיל...

(ספה"ק תפארת שמואל אות י"א)

### הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'

### דער אייבישטער אליין איז ענקער שַׂר

לכאורה איז שווער צו פארשטיין וואס האבן די אידן אזוי מורא געהאט שטייענדיג ביים ים סוף, נאכדעם וואס זיי האבן שוין געזען אזויפיל מאל ווי דער אייבישטער האט געשטראָפט די מצריים מיט אלע מכות אין מצרים, און זיי האבן קלאר געוואוסט אז השי"ת איז שטערקער פון פרעה און די מצריים, און פארוואס האבן זיי דא באקומען אזא פחד ווען זיי האבן געזען אז די מצריים לויפן זיי נאך, דער אייבישטער וועט זיי דאך אודאי אויך דאָסמאל העלפן.

**דער אלטער רבי מרן רבי יחיאל זי"ע** (יארצייט י"ד שבט) ערקלערט אז די עיקר פחד פון די אידן איז געווען ווען זיי האבן געזען דער מלאך דער שַׂר פון מצרים קומט זיי נאך (אזוי ווי **רש"י** ברענגט בשם דער **מדרש תנחומא**) און פון א 'מלאך' האבן זיי שטארק מורא געהאט. אבער אויף דעם האט זיי משה רבינו בארואיגט און געזאגט, אדרבה דאס אליין איז א סיבה אז איר דארפט נישט מורא האבן פון די מצריים, וויבאלד זייער שַׂר איז נאר א מלאך און נישט מער פון דעם, **אבער ענקער שַׂר, דער שַׂר פון כלל ישראל דאס איז דאך דער באשעפער אליין, און וואס דער אייבישטער קען טוהן דאס קען קיינער נישט, און ווען דער אייבישטער העלפט דעמאלטס איז מען א געהאלפענער ווייל דער אייבישטער בלייבט אויף אייביג און ער איז שטענדיג דא מיט אונז.** און דאס האט ער זיי געזאגט "הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'" זעהטס די ישועה פון השי"ת וואס ער אליין וועט ענק העלפן, ווי אויך "ה' יִלָּחֵם לָכֶם" דער אייבישטער האלט מלחמה פאר ענק, און ממילא דארף מען נישט מורא האבן אפילו פון א מלאך...

(ספה"ק ישמח ישראל אות א')

### הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם

### די כח פון אחדות

דער הייליגער **ישמח ישראל זי"ע** טייטשט בדרך רמז, אז ווען די אידן האבן זוכה געווען צו באקומען מָן פון הימל, האבן זיי זיך געוואונדערט מיט זייער עניוות און געפרעגט, אין וועלכע זכות האבן מיר זוכה געווען צו די הייליגע מן וואס דאס איז א רוחניות'דיגע מאכל פון הימל און ווערט אנגערופען 'לֶחֶם אַבִּירִים' ברויט פון די מלאכים, מיר זענען דאך נישט ווערד דערצו. ווי עס איז מרוּמז אין פסוק "וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו מָן הוּא" זיי האבן געפרעגט מיט וואס פאר א זכות איז דאס "כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא" ווייל זיי האבן נישט געוואוסט פארוואס זיי האבן זוכה געווען צו דעם. און אויף דעם איז געווען די תשובה פון משה רבינו צו זיי "הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם לְאָכְלָה" ווען אידן האלטן זיך צוזאמען באחדות, איר זענט 'לָכֶם' גאנץ כלל ישראל אינאיינעם צוזאמגעבינדן דעמאלטס זענען ענק ווערד דערצו, וויבאלד כלל ישראל צוזאמען איז אייביג גוט, נאר ווען מ'קוקט אויף איינציגע מענטשן באזונדער קען מען טרעפן חסרונות, אבער ווען איר זענט 'לכם - אלע אינאיינעם' דעמאלטס זעהט מען נישט קיין חסרון נאר איר זענט אלע צדיקים.

(ספה"ק ישמח ישראל אות ג')

## ענינא דיומא

### די מעלה פון שבת שירה

אין **ספר רמתים צופים** ווערט געברענגט א קושיא וואס **דער אלטער רבי פון ווארקא - הרה"ק רבי יצחק זי"ע** האט געפרעגט פונעם **חידושי הרי"ם - הרה"ק רבי יצחק מאיר פון גור זי"ע**, פארוואס געפונען מיר אז דער שבת ווערט אנגערופן מיטן נאמען **"שבת שירה"** עס איז דאך נישט באמת יעצט די צייט ווען די אידן האבן געזאגט די שירה (וואס דאס איז געווען שביעי של פסח), און אלס דעם וואס מ'ליינט די שירה אין די וואכעדיגע פרשה געפונען מיר נישט ביי אנדערע פרשיות וואס מ'ליינט אין זיי געוויסע ענינים אז מ'זאל זיי אנרופען מיט דעם נאמען, ווי למשל שבת פרשת יתרו ווערט נישט אנגערופען "שבת קבלת התורה" כאטשיג מ'ליינט דעמאלטס די פרשה פון קבלת התורה.

**דער רבי זכרונו לברכה - מרן רבי יחיאל מנחם זי"ע** האט געזאגט אויף דעם, ווייל ביי קריעת ים סוף געפונען מיר א ספעציעלע מעלה אז יעדער איד האט זוכה געווען צו זעהן די שכינה, ווי חז"ל זאגן אז אפילו א פשוט'ע דינסט האט געקענט זעהן די התגלות השכינה נאך מער פון א נביא, און יעדער איד האט געקענט ווייזן מיט'ן פינגער אויפען אייבישטער און זאגן "זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ". אבער ביי מתן תורה דעמאלטס האט זיך שוין דער אייבישטער באוויזן צו יעדעם איינעם לויט זיינע מדריגות און לויט זיינע 'הַשָּׂגוֹת' ווי מיר געפונען אין חז"ל אז יעדער איז געשטאנען אין א באזונדערע ארט, קודם משה, און נאכדעם אהרן, און אזוי ווייטער. דאס איז דער 'יחוס' פון שבת שירה וואס ערוועקט אין זיך די כח וואס איז געווען ביי קריעת ים סוף, **און עס איז געאייגענט פאר יעדער איד נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב ער געפינט זיך, און ווי מיר ווייסן פון ספרים הקדושים אז "קְרִיאָה מְעוֹרֵר אֶת הַזְּמַן" און דאס ליינען די שירה וועקט אויף די השראת השכינה וואס איז געווען בשעת קריעת ים סוף**, וואס מיר געפונען נישט ביי אנדערע זמנים.

(כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה)

### געבן צו עסן פאר די פייגלעך

א טעם אויפ'ן מנהג וואס מ'פירט זיך צו געבן צו עסן פאר די פייגלעך לכבוד שבת שירה, ווערט געברענגט אין **ספר מטעמים** בשם דער **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** וואס האט נאכגעזאגט פון **ילקוט** (א מדרש) אז דתן ואבירם האבן געוואלט חוזק מאכן פון משה רבינו וואס ער האט געזאגט אז שבת וועט נישט פאלן קיין מָן, און זיי האבן יא אויסגעשפרייט מן און זיי האבן דערציילט פאר די אידן מיט א שמחה אז ס'איז יא געקומען מן פון הימל. אבער ווען די זענען געגאנגען זוכן די מן וואס דתן ואבירם האבן געזאגט, זאגט די תורה וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יָצְאוּ מִן הָעָם לִלְקֹט "וְלֹא מָצָאוּ" - זיי האבן נישט געפונען, עס שטייט נישט "וְלֹא הָיָה" אז עס איז בכלל נישט

המשך בעמוד ג'

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת

**דער יונגער ווארקער רבי - הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** האט געטייטשט, איידער א איד לאזט פריי זיין מויל און ער פאנגט אהן צו רעדן, זאל ער זיך נישט איילן, נאר קודם דארף ער זיך גוט בארעכענען און טראכטן מיט יישוב הדעת וואס ער גייט יעצט זאגן, אז זיין מויל זאל חלילה נישט רעדן וואס מ'דארף נישט. און דאס זאגט דער פסוק "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" זאג פאר די אידישע קינדער אז "וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ" אז זיי זאלן זיך רוען און טראכטן מיט יישוב הדעת "לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת" איידער זיי באפרייען דאס מויל (הַחִירֹת איז א לשון פון חֵירוּת - פרייהייט).

(באהלי צדיקים)

### זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ

**דער קאצקער רבי - הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** האט געזאגט אז די ווארט 'וְאַנְוֵהוּ' קען מען טייטשן ווי א הויז און א וואוינונג (ווי עס שטייט שפעטער אֶל 'נְוֵה' קָדְשֶׁךָ - צו דיין הייליגע וואוינונג). און דאס זאגט דא די תורה הק' אז יעדער איד דארף זיך מאכן רָאוּי אז דער באשעפער זאל קענען ביי איהם וואוינען און ער זאל זיין א אָרט וואס איז ראוי פאר השראת השכינה, און דאס מיינט זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ.

(שיח שרפי קודש)

### וַיּוֹשַׁע ה' בַּיּוֹם הַהוּא אֶת יִשְׂרָאֵל

אין **ספר סידורו של שבת** (שורש ז' ענף ב' י"א) שטייט א דבר נפלא, מיר ווייסן אז השי"ת רעכנט צו אסאך מאל א זכות וואס וועט קומען שפעטער אין די צוקונפט, למשל אמאל ווען א איד איז נישט ווערד צו א ישועה, דאָך וועט דער אייבישטער איהם רעכענען די זכות פון זיינע קינדער, און אויב צווישן זיינע קינדער און אייניקלעך פון די קומענדיגע דורות וועט אמאל זיין א צדיק וואס ער איז יא ווערד געהאלפן צו ווערן, וועט שוין השי"ת יעצט העלפן דעם איד אין זכות פון זיינע ווייטערדיגע דורות.

אזוי איז אויך געווען ביי קריעת ים סוף, דער אייבישטער האט שוין פון פריער גערעכנט די זכות פון דעם וואס אונז אידישע קינדער וועלן יעדן טאג זאגן די שירה און דאנקן און לויבן דעם אייבישטער אויף די גרויסע נסים וואס ער האט געמאכט ביים שפאלטן דער ים, און דאס אלעס האט געהאט א חלק אין די זכותים פון אידישע קינדער אז דער ים זאל זיך פאר זיי שפאלטן. קומט אויס אז יעדן איינציגסטן טאג וואס מיר זאגן די שירה האבן מיר מיט דעם א חלק אין די ישועה און אין די נסים פון קריעת ים סוף, ווייל אויך דער טאג האט דער אייבישטער שוין דעמאלטס אריינגערעכנט פון פאָראוֹיס, (יא היינט, מארגן, און איבערמארגן, פון יאהר תשע"ו איז אויך געווען אין כלל פון די זכותים). און מיט דעם טייטשט דער סידורו של שבת פשט אין פסוק "וַיּוֹשַׁע ה'" דער אייבישטער האט געהאלפן די אידן **"בַּיּוֹם הַהוּא"** מיט די כח פון 'יענעם טאג' וואס מיינט דעם היינטיגן טאג ווי מיר שטייען היינט, ווייל דער אייבישטער האט אריינגערעכנט יעדן טאג באזונדער...

(סידורו של שבת)

## מִי כָמֹכָה בָּאֵלִם ה'

אמאל איז געקומען צו פארן א חסיד צום הייליגער **בעל שם טוב זי"ע** פון אן אנדערע שטאט ווייט אוועק. ווען דער חסיד האט זיך געזעגנט ביים בעל שם טוב אהיימצופארן, האט איהם דער בעש"ט געבעטן אז ווען ער וועט אדורכפארן א געוויסע שטאט זאל ער לאזן גריסן א איד דארטן מיט'ן נאמען רבי בערל - דאס איז געווען דער הייליגער **מעזריטשער מגיד דער רבי רבי בער זי"ע** וואס איז נאך דעמאלטס נישט געווען באקאנט, און האט געדינט אלס א פשוט'ער מלמד פון קליינע קינדער.

ווען דער חסיד האט זיך אפגעשטעלט אין יענעם שטעטל און געוואלט איבערגעבן דעם גריס פונעם בעש"ט, איז ער געווען זיכער אז דער 'רבי בערל' פון וועמען מ'רעדט איז אודאי א מכובד'יגער איד וואס איז ברייט באקאנט אין שטאט, וויבאלד דער הייליגער בעש"ט שיקט איהם א גריס, אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארן ווען קיינער אין שטאט האט נישט געוואוסט צו זאגן פון אזא רבי בערל. ביז איינער האט איהם געזאגט אפשר מיינסטו בערל'ע מלמד פון די קינדער?, איז דער חסיד אהינגעגאנגען אין חדר ווי דער רבי רבי בער האט געלערנט מיט די קינדער, און ער איז אנגעקומען פונקט ווען דער רבי רבי בער האט געהאלטן אינמיטן לערנען מיט די קינדער דעם קאפיטל פון "ברכי נפשי" אין תהלים, און ער האט געפרעגט פון די קינדער אז מיר געפונען אז דוד המלך רעכנט אויס אין דעם קאפיטל פיל מיט וואונדערליכע זאכן אין די בריאה וואס דער אייבישטער האט באשאפן ווי די פייגלעך, די זוהן און די לבנה, די גרויסע בערג א.א.וו. און דערנאך שטייט "מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה'", און דערנאך איז דוד המלך ווייטער ממשיך מיט די נפלאות הבורא, ער רעדט פונעם יַם מיט אירע באשעפענישן, און נאך זאכן פון די בריאה, אויב אזוי איז שווער -פרעגט דער רבי רבי בער פון די קינדער- לכאורה וואלט ער קודם געדארפט אויסרעכענען אלע זאכן און נאר ביים ענדע זאל ער זאגן "מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה' - ווי וואונדערליך זענען דיינע ווערק השי"ת", און פארוואס האקט דוד המלך איבער אינמיטן זיין רעדן מיט די דאזיגע ווערטער? און דער רבי רבי בער האט זיי געענטפערט אזוי: **דוד המלך האט אנגעפאנגען צו דאנקען און לויבן השי"ת און עס האט איהם אינמיטן אנגעכאפט אזא ברען און א תשוקה אז ער האט זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן, און ער האט אויסגעשריגן פון גרויס התלהבות "מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה'" אינמיטן רעדן, אפילו עס קומט נישט דארט אריין,** און נאר נאכדעם וואס ער האט ארויסגעגעבן זיינע געפילן צו השי"ת, האט ער געקענט ווייטער ממשיך זיין און דערציילן ווייטער די נפלאות הבורא.

ווען דער חסיד האט געהערט די פלאם פייערדיגע ווערטער וויאזוי דער מלמד לערנט אויס פאר די קינדער פשט אינעם פסוק, האט ער שוין גוט פארשטאנען אז ער איז א בעל מדריגה און אן ערליכער איד, און דעריבער לאזט איהם דער בעש"ט גריסן.

מיט דעם טייטשט דער **שינאווער רב דער בעל דברי יחזקאל זי"ע** (אין ספה"ק **תפארת שמואל** ווערט געברענגט דער ווארט בשם **ספרים הקדושים**) אז דאס זעלבע איז געשען אינמיטן די שירה וואס די אידן האבן געזאגט ביים ים סוף, ווען פלוצלינג האבן זיי אויסגעשריגן אינדערמיט פון גרויס התלהבות "מִי כָמֹכָה בָּאֵלִם ה'" וגו', וואס דאס קומט אויך נישט אריין אינמיטן פון די שירה (נאר עס וואלט געדארפט זיין צום סוף נאכ'ן ענדיגן די שירה) נאר זיי האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן און עס האט ארויסגעשריגן פון זיך אליין אינמיטן זינגען...




אן אוצר פון ידיעות, הלכות, און מנהגים בענינא דיומא

### פרעה איז געבליבן לעבן

עס שטייט אין פסוק ביי קריעת ים סוף אז די וואסער האט באדעקט די מצריים און זיי זענען אלע דערטראנקען געווארן "לֹא נִשְׁאַר בָּהֶם עַד אֶחָד" אז עס איז קיינער נישט איבערגעבליבן, פשוט פְּשַׁט לערנען די **מפרשים** אז אפילו איינער איז אויך נישט איבערגעבליבן (און דאס מיינט עַד אחד - אפילו איינער אויך נישט). אבער אין **מדרש** שטייט אז כאטשיג אלע מצריים זענען געשטארבן אינעם ים סוף, דאך איז פרעה יא געבליבן לעבן, און אפילו נאכען דערטראנקען ווערן איז ער ארויסגעקומען לעבעדיגערהייט וויבאלד ער האט תשובה געטוהן. און עס שטייט אין **פרקי דרבי אליעזר** אז עס איז געקומען א מלאך און ער האט איהם ארויסגעראטעוועט פונעם ים סוף און דער מלאך האט איהם נאכדעם געטראגן קיין נִינְוֵה כדי ער זאל דערציילן און מְפַרְסֵם זיין דעם אייבישטער'ס נאמען אין די גאנצע וועלט. און פרעה האט זייער לאנג מאריך ימים געווען און ער האט געקעניגט אין נינוה פאר פיר אדער פינעף הונדערט יאהר. און אין די צייטן פון יונה הנביא (ווי עס ווערט דערציילט אין יונה - וואס מ'זאגט ביי די הפטרה פון יום כיפור ביי מנחה) ווען ער איז געקומען איבערגעבן די שליחות פונעם אייבישטער אז אין נאך פערציג טעג גייט השי"ת איבערדרייען נינוה צוליב זייערע שלעכטע מעשים, דעמאלטס האט זיך פרעה דער קעניג גלייך אויפגעשטעלט פון זיין שטוהל און ער האט צוריסן זיינע קליידער און זיך אנגעטוהן א זאק מיט אַש און ער האט באפוילן פאר'ן גאנצע פאלק אז זיי זאלן פאַסטן דריי טעג און תשובה טוהן, וויבאלד ער האט נאך געדענקט די גרויסקייט פונעם אייבישטער ווען ער האט איהם געשטראָפט אין מצרים...

### א טעם אין די מָן

עס איז באקאנט וואס חז"ל זאגן אז די אידן האבן געקענט פילן אין די מָן אלע טעמים וואס מ'האט נאר געוואלט. דער **חיד"א** אין **ספר פתח עינים** (אויף מסכת חולין דף ק"ט.) שרייבט אז מען האט אפילו געקענט טועֵם זיין די טעם פון אן איסור, למשל אויב איינער האט געוואלט פילן דער טעם פון חזיר פלייש אין די מָן האט ער אזוי געקענט אינזין האבן, און ער האט געקענט פילן דעם טעם. דער **חתם סופר** (אין מסכת קידושין דף ל"ו:) שרייבט אבער אז מ'האט נישט געקענט פילן א טעם איסור אינעם מָן, ווי למשל א טעם פון חמץ אום פסח האט מען נישט געקענט פילן, נאר זאכן וואס זענען מוּתָּר צו עסן.

# הילולא דצדיקיא



כ"ק מרן רבינו הקדוש
**רבינו יחיאל זי"ע**
דער אלטער רבי פון אלכסנדר

יארצייט:
**י"ד שבט תרנ"ד**

**באמערקונג:**

היות מיר האלטן יעצט אינמיטן באשרייבן די תולדות פון דער **אלטער רבי – מרן רבינו יחיאל זי"ע** אינערהאלב דעם אפטיילונג פון **"נוטעי הכרם"**, זענען מיר אביסל מְקַצֵר דא ביים **"הילולא דצדיקיא"** אפטיילונג, און מיר ברענגן עטליכע עובדות און מעשיות פון זיין הייליגע לעבן און שאפן.

## מידת הענוה

די גרויסע עניוות פונעם **אלטער רבי זי"ע** איז גאר באקאנט ווי ער האט כסדר זיך אליינס גאר שטארק אוועקגעמאכט, און זיך געהאלטן פאר די שוואכסטע איד וואס איז נאר פארהאַן אויף די וועלט, און ער האט שטענדיג געבעטן אז מ'זאל דאווענען פאר איהם אז ער זאל זוכה זיין צו תשובה שלימה.

עס איז דא א בריוו וואס דער **אלטער רבי זי"ע** האט געשריבן צו **הרה"ק רבי הלל קאלאמייער זצוקללה"ה** און דער אלטער רבי בעט זיך ביי רבי הלל מיט די ווערטער (איבערגעזעצט פון לשון הקודש): זייטס מתפלל אויף מיר פון די טיפענישן פון הארץ אז איך זאל זוכה זיין צו תשובה, און איר זאלט נישט טראכטן אויף מיר ווי א צדיק און א מנהיג ישראל, נאר איך זאג אויף זיך -שרייבט דער אלטער רבי זי"ע- דער מאמר החכם וואס ווערט געברענגט אין **חובת הלבבות** (שער הכניעה פרק ז') "חֲטָאַי לוּ יְרִיחוּן בָּם שְׁכֵנַי אַזַי בָּרְחוּ וְרָחֲקוּ מִן גְּבוּלִי - ווען מיינע שכנים וואלטן געקענט שמעקן מיינע עבירות דעמאלטס וואלטן זיי אנטלאפן פון מיר", און דעריבער זייטס מתפלל אויף מיר **ווייל איך בין באמת דער נידריגסטער פון די נידריגסטע...** און דער אלטער רבי חַתְמ'עט זיך אונטער זיין נאמען "יחיאל בן מלכה לתשובה".

## איך זאל זוכה זיין צו תשובה

ווי אויך ווערט געברענגט אז די רעביצין פונעם אלטער רבי'ן - **די צדיקת מרת רויזא מינדל ע"ה**, איז נפטר געווארן אין יו"ט שבועות, און איר לויה איז פאָרגעקומען אינעם צווייטן טאג יום טוב. דער **אלטער רבי** האט דעמאלטס געפירט טיש לכבוד יום טוב, און ער איז ארויסגעגאנגען אינדערמיט כדי צו באגלייטן די מיטה, היות עס איז געווען יום טוב איז דער אלטער רבי נאכגעגאנגען די מיטה בלויז געציילטע טריט. און די איינציגסטע ווערטער וואס ער האט געזאגט דעמאלטס ביי די לויה ביים זיך געזעגענען פון די רעביצין איז געווען **"דאווען פאר מיר אז איך זאל זוכה זיין תשובה"...**

## וואס וועט זיין אויף יענער וועלט?

מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** האט דערציילט אז אמאל האט זיין טאטע דער **אלטער רבי זי"ע** געוואלט פארן צום גאון און צדיק **רבי יהושע'לע קוטנער זצוקללה"ה**, און איינער פון די חסידים איז תיכף געלאפן און געדינגען א וואגן און ער האט באצאלט פון פאָראויס א שיינע סכום געלט פאר'ן בעל עגלה אז ער זאל פירן דער אלטער רבי קיין קוטנא. ווי נאר דער אלטער רבי איז געוואויר געווארן דערפון אז דער חסיד האט באצאלט די הוצאות פון די נסיעה, האט ער געלאזט רופן דעם חסיד און ער האט איהם געזאגט "דו האלטס מיך טאקע פאר א צדיק און דעריבער האסטו געדינגען פאר מיר א וואגן, וואס וועט אבער זיין אויף יענער וועלט ח"ו ווען דו וועסט געוואויר ווערן דעם אמת אז איך בין א פראסטע איד, און דעמאלטס וועסטו מיך רופן צו דין תורה אין בית דין של מעלה אויף די גרויסע סכום געלט וואס דו האסט זיך געלאזט קאסטן פאר מיינעטוועגן אומזיסט, און וואס וועל איך דיך קענען ענטפערן דארט אויפען עולם האמת?"... דער חסיד איז אבער נישט געווען קיין נאַר, האט ער זיך אנגערופען "הלואי זאל איך זוכה זיין טאקע צו זעהן דעם רבי'ן נאכאמאל אויפען עולם העליון"...

## מידת האמת

דער **אלטער רבי זי"ע** איז געווען שטארק מפורסם מיט זיין 'מידת האמת' ער האט זיך קיינמאל נישט אוועקגערירט אדער געטוישט פון וואס ער האט געזאגט, און ער איז געווען זייער געוואָרנט אפילו פון א קליינע חשש פון 'ליגנט' ח"ו, און פון קינדווייז אהן איז ער געווען אויסגעצייכענט אין דעם ענין פון "מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק".

נאך די הסתלקות פונעם אלטער רבי זי"ע איז געקומען צו גיין א חסיד צו זיין זוהן - מרן דער **ישמח ישראל זי"ע**, און ער האט גע'טענה'ט אז ער איז נאך געווען ביים אלטער רבי'ן און דער אלטער רבי האט איהם צוגעזאגט א ישועה אין א געוויסע ענין, אבער די הבטחה איז נאך אלס נישט מקויים געווארן. האט איהם דער הייליגער ישמח ישראל געענטפערט "אויב מיין טאטע האט דיר אזוי צוגעזאגט, קענסטו זיין זיכער און זיך פאַרלאזן אז די ישועה וועט קומען, ווייל אלעס וואס ער האט צוגעזאגט איז מקויים געווארן, אמאל פריער און אמאל שפעטער, אבער זיינע רייד זענען אלעמאל מקויים געווארן, און דו זאלסט זיך נישט וואונדערן אויף דעם, **ווייל אזוי פירט מען זיך פון הימל מיט איינער וואס איז שטענדיג געוואָרנט מיט זיינע ווערטער אז ער טוישט נישט פון וואס ער זאגט**, ווען מען פון הימל אויך נישט טוישן פון וואס ער האט צוגעזאגט"...

## דָבוּק אין השם יתברך

**דער לעצטער רבי הי"ד – מרן רבינו יצחק מנחם זי"ע** האט דערציילט אז דער **סאכאטשובער רבי דער אבני נזר זי"ע** האט אמאל באזוכט ביים **אלטער רבי'ן זי"ע** און ווען ער איז צוריקגעקומען פון אלכסנדר האט ער דערציילט פאר איינער פון זיינע חסידים אז זיין שווער **דער קאצקער רבי זי"ע** (דער **אבני נזר** איז געווען אן איידים ביי **הרה"ק רבי מנחם מענדל פון קאצק זי"ע**) האט איהם אמאל אויסגעזאגט א סימן וויאזוי מ'קען דערקענען אויף א מענטש אויב ער איז באמת דָבוּק און באהאפטן צו השי"ת, און דער אבני נזר האט געזאגט **"פון דעמאלטס האב איך נאך קיינמאל נישט געזען דעם סימן ביי קיינעם, נאר יעצט האב איך דאס געזען ביים אלכסנדר רבי'ן אז ער פארמאגט דעם סימן פון איינער וואס איז באמת דָבוּק אינעם אייבישטער"...**

## ענינא דיומא

המשך מעמוד א'

געווען קיין מן, ווייל באמת האבן דתן ואבירם געלייגט מן און עס איז שוין געווען אויף דער ערד, אבער די פייגלעך זענען געקומען און אלעס אויפגעגעסן, און ממילא "וְלֹא מָצָאוּ" - האבן די אידן גארנישט געטראפן מער. און וויבאלד די וואך לייענט מען די פרשת המן דערפאר געבן מיר א באלוינונג פאר די פייגלעך אלס א שכר אויף זייער ארבעט דעמאלטס ביי די מן אום שבת.

(למעשה אין אונזערע מדרשים ווערט נישט געברענגט די מעשה מיט דתן ואבירם, און דער מקור איז נאר פון דעם **ספר מטעמים** בשם דער **רבי רבי בונם זי"ע**. און אין **ספר ליקוטי מהרי"ח** שטייט דער ענין בשם דער **רבי פון לובלין זי"ע**).

## געבן צו עסן פאר די פייגלעך

אין **ספה"ק ישמח ישראל** שטייט א טעם פארוואס עס איז א מנהג צו געבן צו עסן פאר די פייגלעך דעם שבת. וויבאלד די וואך לייענען מיר די פרשת המן וואס איז דער ענין פון פַּרְנָסָה וואס השי"ת גיבט פאר אידן. און דעריבער געבן מיר צו עסן דַוְקא פאר עופות וואס עס איז נישט אונזער עוֹל און חיוב זיי צו שפייזן ווייל זיי טרעפן זיך אליינס צו עסן אין די גאס, און דורך דעם טוען מיר ערוועקן די רחמנות פון השי"ת אויף אונז, ווי עס שטייט אין **זוהר הקדוש** אז מיט דעם וואס מיר זענען מעורר רחמנות דא אונטן אויף די וועלט, ווערט ערוועקט די מידה פון רחמנות אויך אויבן אין הימל. און כביכול השי"ת וועט אויך שענקן פאר אונז צו עסן, כאטשיג אסאך מאל זענען מיר ח"ו נישט ווערד צו באקומען א שפע פון פרנסה פון אויבן, דאָך ווייזן מיר אז מיר געבן צו עסן אפילו פאר די בעלי חיים וואס עס קומט זיך זיי נישט קיין שפייז פון אונז און מיר זענען נישט מחוייב זיי צו געבן צו עסן, אזוי אויך זאל אונז השי"ת שפייזן אפילו ווען ער איז נישט 'מחוייב' כביכול, און עס קומט זיך אונז נישט לויט אונזערע מעשים. (ספה"ק ישמח ישראל סוף אות ג')

## חמשה עשר בשבט

א טעם פארוואס מיר עסן פירות חמשה עשר בשבט, זאגט **הרה"ק רבי לייבל'ע איגר זי"ע - דער תורת אמת פון לובלין**, ווייל מיר געפונען אין פסוק (משלי קאפיטל ט"ז) "כֹּל פָּעַל ה' לַמַּעֲנֵהוּ" אז דער אייבישטער האט אלעס באשאפן כדי מיר זאלן איהם קענען דאנקן און לויבן אויף דעם (די ווארט 'לַמַּעֲנֵהוּ' איז א לשון פון 'עֱנוּ' לַה' בְּתוֹדָה, אז מיר זאלן דאנקן און לויבן השי"ת), **און דער אייבישטער האט א תענוג פון דעם וואס אידישע קינדער דאנקן און לויבן איהם.**

דעריבער ווען עס קומט צו גיין חמשה עשר בשבט, וואס אין דעם טאג גייט אריין די פייכטקייט אין דיביימער (ווי עס ווערט געברענגט אין **מסכת ראש השנה** אז עס גייט אריין די שְׂרַף אין די ביימער וואס דאס איז א מין זאַפט וואס מאכט אז די פירות זאלן וואקסן שפעטער אין די זוממער טעג, און דאס פאנגט זיך אהן פון חמשה עשר בשבט), איז א מנהג ספעציעל אין דעם טאג צו עסן פירות און צו מאכן ברכות אויף זיי, און מיט דעם דאנקט מען און מ'לויבט דעם אייבישטער אויף די פאַריעריגע פירות (וואס מיר האבן שוין), און מיט דעם זענען מיר גורם אז די ביימער זאלן טאקע באנייט ווערן מיט א פרישקייט און זיי וועלן ארויסגעבן שיינע גוטע און זיסע פירות אויך קומענדיגע יאהר. (תורת אמת)

## די שפאצירן פונעם ווארקער רבי

דער יונגער ווארקער רבי **הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** פלעגט זייער אָפט ארויסגיין און פארן אין זיין וואגן אויף א 'שפאַציר'. **דער אלטער רבי מרן רבי יחיאל זי"ע** פלעגט זאגן אז די סיבה פון די שפאצירן זענען געווען צוליב די גרויס יראת שמים וואס האט געפלאקערט אינעווייניג אינעם ווארקער רבי'ן און דעריבער האט נישט געקענט בלייבן זיצן אינדערהיים, נאר ער האט געמוזט ארויסגיין אויפ'ן שפאציר.

אגב איז אינטערסאנט צו ברענגען אן עובדא וואס שטייט אין **ספר תפארת ישראל** פון **הרה"ח רבי מנשה פריימאן ז"ל,** אז אמאל אין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה איז געקומען א איד צו רבינו הק' דער **תפארת שמואל זי"ע** און ער האט זיך שטארק אויסגעוויינט פאר'ן תפארת שמואל אז ער האט גאר א שווערע משפט און עס וואַרט איהם אפ א הארבע



רבינו הק' בעל תפארת שמואל זי"ע

עונש רח"ל, און בדרך הטבע זעהט ער נישט קיין וועג ארויס וויאזוי עס וועט זיך ענדיגן צום גוטן, און ער האט געבעטן אז דער רבי זאל איהם וואונטשן און העלפן. דער תפארת שמואל ווען ער האט געהערט די ווערטער פונעם איד האט ער זיך אנגערופן "איך האב נישט קיין שום עצה פאר דיר", פארשטייט זיך אז ווען דער איד האט דאס געהערט האט ער אנגעפאנגען נאך שטערקער צו וויינען און שרייען, און ער האט געזאגט אויב נישט דער רבי קען מיר העלפן נאר ווער דען וועט מיר העלפן און ווי זאל איך מיך ווענדן.

האט איהם דער תפארת שמואל געזאגט, לאמיר דיך דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט ביים **ווארקער רבי'ן רבי מענדל זי"ע:** אמאל איז געקומען צו איהם א חסיד און ער האט זיך אויסגעוויינט אויף א געוויסע צרה וואס ער האט געהאט און ער האט געדארפט א גרויסע ישועה, אבער דער ווארקער רבי האט איהם אפגעזעגנט אהן קיין ספעציעלע צוזאג אויף זיין ישועה. ווען דער חסיד איז שוין געווען אויפען וועג אהיים מיט נאך עטליכע חסידים וואס זענען געוועג מיט איהם אין ווארקא אויף שבת, האבן זיי פלוצלינג באמערקט אז דער ווארקער רבי'ס וואגן קומט צו פארן אין זייער ריכטונג, ווייל דער רבי איז פונקט דאן געפארן אויף א שפאציר כדרכו בקודש. פארשטייט זיך אז די חסידים האבן אפגעשטעלט זייער וואגן און געווארט אויפען ווארקער רבי'נס וואגן, ווען דער ווארקער רבי איז געקומען נאנט האט ער זיך אפגעשטעלט און גערעדט צו די חסידים, און זיי האבן אפילו געפראוועט א לחיים דארט אויפען וועג. דער חסיד וואס האט געדארפט די ישועה האט אויסגענוצט די געלעגנהייט און ער האט נאכאמאל דערמאנט זיין צרה פאר'ן רבי'ן און געזאגט אז ער קען אפילו נישט אהיימפארן פון גרויס צער און טרויער און ער האט נישט קיין אנדערע עצה נאר אז דער רבי זאל מתפלל זיין פאר איהם און איהם העלפן אין זיין קלעם. דער ווארקער רבי האט זיך אנגערופן **"גלייב מיר איך האב נישט קיין שום עצה פאר דיר נאר מיט צו וויינען מיט דיר"**, און דער ווארקער רבי האט זיך צעוויינט איבער דעם חסיד'ס צרה, און מיט זיינע הייליגע טרערן האט ער גע'פועל'ט א ישועה און דער איד איז טאקע געהאלפן געווארן מיט וואס ער האט געדארפט...

ווען דער **תפארת שמואל** האט געענדיגט דערציילן די מעשה פאר דער איד וואס איז געקומען צו איהם, האט ער צוגעלייגט **"גלייב מיר אז איך האב אויך נישט קיין אנדערע עצה נאר מיט צו וויינען מיט דיר"**, און דער הייליגער תפארת שמואל האט זיך צעוויינט און געלאזט טרערן פאר דעם איד. עס איז איבעריג צו זאגן אז די ישועה איז געקומען צו גיין און דער איד איז געראטעוועט געווארן פון זיין משפט חוץ לדרך הטבע...

## ווי קענען די אויגן וויי טוהן?

אמאָל האט **דער אלטער רבי מרן רבי יחיאל זי"ע** געפילט א שטארקע השתוקקות און בענקעניש צו זיין ביי זיין רבי'ן פון ווארקא און ער האט מחליט געווען צו פארן אויף שבת פון טורטשין (ווי ער איז דעמאלטס געווען רב) קיין ווארקא, כאטש ער האט געליטן דעמאלטס שטארקע יסורים אויף זיינע אויגן, דאָך האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, און ער איז געפארן ווילן א שבת אין ווארקא. מוצאי שבת איז רבי יחיאל געבליבן אליינס אין שוהל, און פון זיינע גרויסע שמערצן אין זיינע אויגן האט ער אראפגעלייגט זיין קאפ אויפ'ן עָמוּד און געווארט אז די יסורים זאלן זיך בארואיגן. פונקט דעמאלטס האט זיך געעפענט דער טיר און דער **ווארקער רבי** שטייט דארט און ער זעהט ווי רבי יחיאל מוטשעט זיך מיט זיינע אויגן, האט ער זיך אנגערופן "טורטשינער רב אז מען שטייט אונטער'ן הימעל שפירט מען נאך די אויגן טוען וויי?" (ווי איינער זאגט אז מ'טראכט פונעם אייבישטער ווי קען מען נאך בכלל פילן עפעס אנדערש פון גרויס יראת שמים). **דער אלטער רבי האט דערציילט אז פון דעמאלטס האט ער מער נישט געפילט קיין ווייטאג אין זיינע אויגן.**

## יפה כח הבן מכח האב

אזוי האט זיך **דער אלטער רבי מרן רבי יחיאל זי"ע** געוויקט ביים **ווארקער רבי'ן** און מקבל געווען פון איהם פילע היופענעס פון קדושה און חסידות. און ווי שוין דערציילט (אין פרק א') האט **דער אלטער ווארקער רבי הרה"ק רבי יצחק זי"ע** געזאגט פאר **רבי שרגא פייביל פון גריצא** אז ער זאל לאזן זיין זוהן **רבי יחיאל** (דער אלטער רבי) ביי איהם און ער וועט מאכן פון איהם א כלי. זיין זוהן **דער יונגער רבי פון ווארקא הרה"ק רבי מענדל זי"ע** האט צוגעזאגט פאר רבי יחיאל אז ער וועט איהם מאכן נאך סאך מער פון דעם...

## זיין מסירות נפש

דער **ווארקער רבי** האט זיך אמאל אויסגעדריקט "אויב וועל איך אנקומען צו די פופציג דעמאלטס וועט איר וויסן ווער איך בין"... (היות ער איז געווען א באהאלטענע מענטש און ער האט שטענדיג געשוויגן). אבער זייענדיג בלויז ניין און פערציג יאהר אלט איז ער שטארק קראנק געווארן ל"ע און זיין מצב איז אנגעקומען ממש צו פיקוח נפש. די דאקטוירים האבן געהאט א מעדעצין פאר זיין מחלה, אבער מ'האט געדארפט אריינמישן אין דעם אויך א געוויסע זאך וואס קומט פון א ביין פון א טמא'נע פייגל, און כאטשיג אלע גדולי הדור האבן מתיר געווען פאר'ן ווארקער רבי'ן אז אין זיין מצב מעג ער אודאי נעמען דעם מעדעצין אהן קיין שום ספק, דאָך האבן איהם זיינע שטוב מענטשן אליינס געפרעגט, היות זיי פלעגן נישט טוהן קיין שום זאך אהן זיין וויסן, און ווי נאר דער ווארקער רבי האט געהערט אז מ'וויל איהם געבן א זאך וואס קומט פון א טמא'נע בעל חי, האט ער געשריגן "הע? אִיך, אִיך, פון א טמא?". און ווי מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** שרייבט אז **דער ווארקער רבי האט דעמאלט'ס געזאגט פאר דער אלטער רבי מרן רבי יחיאל זי"ע "איך וועל דען לעבן פון אזא זאך, איך איך?" און ער האט בשום אופן נישט געוואלט זיך לאזן היילן מיט די מעדיצין.** און אין יענעם יאהר איז טאקע דער ווארקער רבי נסתלק געווארן אין שבת קודש ט"ז סיון תרכ"ח, און ער איז נישט אנגעקומען צו די פופציג יאהר.


להערות וכן לקבל הגליון באי-מייל kerembeisshmiel@gmail.com